# מיט א טיפערן בליק
# פרשת אחרי - קדושים
# דו קענסט אויך זיין א קדוש!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

איידער מיר פארטיפן זיך אין פרשת אחרי, לאמיר אנפאנגען אונזער שמועס מיט פרשת קדושים. דער פסוק זאגט: **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם** - ברענגט רש"י דעם מדרש (ויקרא רבה): מלמד שנאמרה פרשה זו בהקהל - דער פרשה איז געזאגט געווארן ביים פארזאמלונג פון אלע אידן. השי"ת זאגט פאר משה רבינו, רוף צוזאם "גאנץ כלל ישראל" און זאג צו זיי **"קדושים תהיו"**, הייליג זאלט איר זיין, ווייל איך השי"ת בין הייליג. די תורה הקדושה פארלאנגט אז מיר זאלן זיין א הייליג פאלק. עס איז נישט א שיינע, פרומע, אדער חסידישע זאך, ס'איז נישט עפעס וואס מען זאגט פאר די חשוב'ע אדער די אויסגעוועלטע, נאר פאר יעדן איינציגסטן איד, ווי דער פסוק זאגט: דבר אל כל עדת בני ישראל - פאר אלע אינאיינעם, יעדער איז גלייך. קדושים תהיו, און דער טעם פארוואס איר זאלט זיין הייליג איז ווייל כי קדוש אני, השי"ת אונזער טאטע איז הייליג, דערפאר זענען מיר אלע הייליג און דערפאר דארפן מיר אלע זיך פירן הייליג.

ווי נאר מען פאנגט אָן לערנען די פסוקים פרעגט זיך: א. אז מיר וואלטן זיך געדארפט אליינס פאָרשטעלן און טראכטן וואו אין די תורה געפינט זיך די מצוה פון קדושים תהיו, בפשטות וואלטן מיר געזאגט אז ס'באלאנגט ערגעץ נעבן די גרויסע מעמד פון קבלת התורה וואס אגב טרעפן מיר טאקע דארט ווי הקב"ה זאגט **וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ**, אבער ווי נאר מען מאכט אויף די וואכעדיגע פרשה און מען טרעפט צווישן די פילע מצוות און הלכות די מצוה פון קדושים תהיו פרעגט זיך פארוואס עפעס דא? ב. וואו טרעפט מען אין די המשך פון אונזער פרשה עפעס וואס האט א שייכות מיט דער ענין פון קדושים תהיו וואס דאס איז דאָך דער נאמען פון אונזער גאנצע פרשה? ג. ווען מען דערמאנט דער געדאנק פון הייליגע אידן ברענגט עס אונז מחשבות וואס זענען עפעס ענדליך ווי דער רבי אין חדר פלעגט דערציילן: אמאל אין א קליין שטעטל אינעם ווייטן אוקריינע איז געווען א חבורה פון **"הייליגע אידן"**, און אט די "הייליגע אידן" פלעגן זיין דבוק בה' צוגעבינדן צו השי"ת איעדן מינוט אין טאג, אין אונזער מוח איז פארהאן א בילד פון א איד איינגעוויקלט אין זיין טלית'ל וואס זיצט אין לערנט און דאווענט פון צופרי ביז ביינאכט, אידן וואס האבן געפאַסט תעניתים און געפראוועט סיגופים, און נאך פילע שווערע הייליגע עבודות. אבער ווי מען כאפט א בליק אין אונזער פרשה טרעפן מיר דער ענין פון קדושים תהיו ארום גענומען מיט פילע מצוות און דינים וואס בפשטות האבן זיין נישט קיין שייכות מיט דעם געדאנק, ווי למשל מען טרעפט דער ענין פון מורא האבן פון טאטע און מאמע, לא תגנוב - מען טאָר נישט גנב'ענען, מ'טאָר נישט אויסנאַרן א צווייטן, מען טרעפט דער ענין פון פיגול מען טאר נישט האבן קיין מחשבה פון עסן דעם קרבן נאך די צייט וואס די תורה האט באשטימט אז מ'מעג עס עסן, און אויב דער כהן טראכט אז ער וועט עסן פונעם קרבן לענגער ווי מ'מעג, ווערט די קרבן פיגול, נו אויב אזוי פרעגט זיך וואס האבן די אלע ענינים פון אונזער פרשה שייכות מיט דער געדאנק פון "קדושים תהיו" און זיין הייליג?

נאך מער, לאמיר טאקע כאפן א בליק אויף די ערשטע צוויי ענינים וואס שטייען תיכף ומיד גלייך נאך דער ציווי השי"ת פון קדושים, דאס איז די מצוות פון **אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם**, בפשטות וואלטן מיר געזאגט: אמת, אז כיבוד אב ואם און אזוי אויך שבת קודש איז א געוואלדיגע מצוה, אבער צו דען איז דאס וואס מאכט א מענטש פאר א קדוש?

איידער מיר טרעטן צו צום שמועס, נאך א קלייניגקייט, דער זוהר הקדוש אין אונזער פרשה זאגט: **כד הוו מטו חבריה קדישא להאי פרשתא הוו חדאין** - ווען די הייליגע בני חבורה פון רבי שמעון בר יוחאי זענען אנגעקומען צו די פרשה פון קדושים, זענען זיי געווארן פריילך. דארף מען פארשטיין וואס ליגט אין אונזער פרשה אז ס'פארמאגט דער כוח צו ברענגן די די הייליגע חבריא צו שמחה?

פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די פילע טיפע ענינים פון אונזער פרשה, וואס מיר שמועסן איז אלעס מיטן ציל, בעזר ה' ארויסצונעמען די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פארן טאג טעגליכן לעבן.

איידער מיר ווערלן צוקומען צו אונזער נקודה, קודם א קליינע מעשה'לע. עס האט דערציילט דער באקאנטער ליובאוויטשער חסיד רבי מענדל פוטערפאס ז"ל, וועלכער איז געזעצן אין געפענגעניש אינעם שווערן גלות סיביר, דארט איז איהם אויסגעקומען צו זיצן אין תפיסה אינאיינעם מיט עטליכע גוים 'ציגיינער' וואס זענען באקאנט מיט זייערע פארשידענע שפילן און קונצן וואס זיי פלעגן ארומגיין באוויזן אין די שטעטלעך. די גוים פלעגן פארברענגען די צייט אין תפיסה מיט שפילן 'קאָרטן', א זאך וואס איז געווען פארבאטן פאר די ארעסטאנטן צו טון. פון צייט צו צייט האט פאסירט אז דער שומר וואס איז געשטאנען און באוואכט די תפיסה פון אינדרויסן, האט געגעבן א קוק אראפ פון א קליין פענסטערל וואס האט זיך געפונען הויעך אין די תפיסה און פון דארט האט ער געקענט האלטן אַן אויג אויף אלעס וואס גייט פאָר, און ער האט באמערקט אז מ'שפילט מיט די אומלעגאלע קארטן, דער שומר איז אריינגעקומען און זיך גענומען זוכן איבעראל, אבער די קארטן זענען קיינמאל נישט געווען צום געפונען... וויפיל מאל ער איז נאר אריינגעקומען זיי כאפן בשעת מעשה, אלס איז זיי געלונגען עס צו באהאלטן אין א אויגנבליק, און ער האט זיי נישט געקענט דערווישן, עס האט נישט געהאלפן ווען ער האט יעדן אוועקגעשטעלט ביים וואנט, אויסגעטאַפט יעדנ'ס טאשן און אלע קליידער, ער האט איבערגעדרייט די גאנצע טורמע, אבער קיין קארטן זענען נישט געווען.

ר' מענדל האט זיך נישט געקענט איינהאלטן זיין נייגער, און ער האט געפרעגט דער ראש החברה פון די ציגיינער וואס האט אלעמאל אנגעפירט די שפילערייען, "וואו באהאלטסטו טאקע די קאָרטן?, איך זעה דאָך יא ווי ענק שפילן, און דאָך געלונגט דיר יעדעס מאל אוועקצולייגן די קארטן אזוי שנעל און אזוי גוט, וואס איז דיין סוד"?! דער ציגיינער וועלכער האט געהאט צוטרוי צום חסיד'ישן רבי מענדל האט איהם פארטרויעט זיין סוד, און ענטפערט איהם מיט א געלעכטער, "יעדעס מאל ווען דער שומר קומט אריין, גליטש איך אריין די פעקל קארטן אין זיין אונטערשטע קעשענע, ער דרייט זיך ארום און זוכט איבעראל, אבער אין זיין אייגענעם טאַש פאלט איהם דאָך נישט ביי צו זוכן, און ממש ווען ער גייט שוין ארויס, געב איך עס א שנעלע כאפ ארויס צוריק פון זיין טאש"... די ציגיינער זענען געווען געלערנטע קונצלער און שווינדלערס, און האבן באוויזן ארייצולייגן און ארויסנעמען וואס זיי האבן געוואלט פון זיינע טאשן. ר' מענדל האט אבער פון דעם געלערנט א כלל גדול אין עבודת השי"ת, וויפיל מאל זוכן מיר ארום געוויסע זאכן דארט און דא, עס פאלט אונז אבער נישט איין אין ווילדסטן חלום אז די

אוצר ליגט באגראבן אין אונזער קעשענע, יא, עס איז אין אונזער הענט ממש, מיר כאפן זיך נאר נישט!

דאס זעלבע קענען מיר זאגן לגבי דעם ענין פון זיין א 'קדוש', יא עס זענען פארהאן אסאך דַרגות פון קדושה, און אנצוקומען צום שפיץ דארף מען גאר אסאך האָרעווען, אבער צומאל ליגט די קדושה אין אונזער טאש, מיט קליינע מעשים בכל יום, טאג טעגליכע געשעענישן און זאכן, און יעדער פון אונז קען און איז מחיוב צו לעבן און מקיים זיין דעם קדושים תהיו ווי עס דארף צו זיין...

לאמיר א מינוט צוריקגיין צו פרשת אחרי וואס דארט טרעפן מיר דער ענין פון עבודת יום הכיפורים, איין טאג אינעם יאר וואס דער כהן גדול האט די זכיה און די רשות ארייננצוגיין אינעם הייליגע קודש הקדשים וואס דארט האט מען א גאנץ יאר נישט געקענט אריינגיין, אט יענעם פלאץ איז די הויכפונקט פון 'קדושה' און הייליגקייט, און ווי דער נאמען אליינס זאגט עדות, עס איז דער **"קודש הקדשים"** די הייליגסטע פון אלע הייליגקייטן, און וואו דערקענט זיך די מעלה פונעם פלאץ? טאקע דער פאקט אז ס'איז אפגעזונדערט און אפגעטיילט פון אונז אינגאנצן, קיינער, אפילו דער כהן גדול, טאר נישט דארט אריינגיין סתם אזוי, ס'איז הייליג, ס'איז אפגעטיילט פון אונז. פונקט ווי חז"ל זאגן אז פון דעם שטאַמט טאקע די לשון פון 'קידושין' ווען א מאן איז מקדש זיין פרוי "דאסר לה אכולי עלמא כהקדש" מיט די פעולה פון קידושין טוט ער אַסֶר'ן די פרוי אויף די גאנצע וועלט, זי ווערט אסור אויף יעדע אנדערע מענטש אזויווי א חֵפֶץ פון הקדש און קיינער אנדערש קען שוין מיט איר נישט חתונה האבן. ווייל דאס איז די יסוד פון קדושה, ס'איז הייליג און טייער און ס'איז חשוב, ווען מיר האלטן א זאך אפגעזונדערט און פארשלאסן איז נישט ווייל מיר ווילן עס 'דערווייטערן' און אוועקשטופן פון זיך, אדרבה, די מער מיר שעצן די זאך און מיר זענען עס באמת מחשיב, פארדינט זיך דאס א באזונדערע און חשוב'ערע ארט. פונקט ווי למשל א טייערע ירושה חפץ, א אנטיק שטיקל זילבער, וועט קיינער נישט לאזן ארומליגן הפקר און עס לאזן וואַלגערן אז יעדער זאל זיך קענען באנוצן דערמיט, ווייל דאס איז ממש די פארקערטע פון חשיבות און שמירה אויף א טייערע זאך, און וואס מער טייערער און באליבט ס'איז אויף אונז, אלס מער וועלן מיר דאס אפהיטן און אפזונדערן.

און אט דאס איז דער קודש הקדשים, דארט וואו ס'ליגט אונזער הייליגסטע און חשוב'סטע, מיר זענען אזוי שטארק פארבינדן און מקושר צו דעם פלאץ, מיר האלטן עס אזוי טייער, אז צוליב דעם מוזן מיר זיך אפשיידן דערפון. ווי מען קען אמאל הערן לשון בני אדם, ווי מ'דרקוט זיך אויס אויף עפעס א טייערע זאך וואס א מענטש היט זייער שטארק "איך האלט עס הייליג", וואס דאס מיינט איז אז ס'איז נישט די זעלבע ווי די אנדערע, ס'ווערט אפגעהיטן, דער מענטש שטעלט א מחיצה און א הבדלה וואס זאל עס טאקע האלטן און לאזן הייליג.

אט די זעלבע געדאנק טרעפט מען שבת קודש, ווען שבת גייט אוועק מאכן מיר הבדלה, לאמיר זיך אפשטעלן און אריינטראכטן, שטעלט אייך פאָר אז ס'זאל קומען א מענטש און זאגן אז ער וויל האלטן קדושת שבת א גאנצע וואך, ער וויל נישט מאכן הבדלה, לכאורה האט ער דאָך גאנץ א גוטע טענה, פארוואס דען זאל מען נישט קענען מיטנעמען דעם שבת אויף די גאנצע וואך, און מאכן אלע טעג פאר שבת. דער ענטפער איז אבער פשוט, ווייל הבדלה מיינט אז דער מענטש מאכט דעם חילוק, ער ברענגט ארויס די גרויסקייט און די קדושה פון שבת, מיט דעם וואס ער פארשטייט און האט ארויס אז שבת איז נישט קיין 'מעשים בכל יום' און מ'קען נישט נעמען די פשוט'ע וואכן טעג און זיי האלטן די זעלבע ווי שבת. ווי חז"ל זאגן "אם אֵין דעת הבדלה מנין" די יסוד פון הבדלה שטאמט פון פארשטיין און מחשיב זיין, און אז מ'איז מבדיל דעם שבת פון די וואכן, אט דאס מאכט טאקע דעם שבת פאר די הייליגע און ספעציעלע טאג.

און באמת, צו קענען מאכן דעם חילוק, און צו קענען צוטיילן פון איין זאך צו די אנדערע, פארלאנגט זיך גאר גרויסע כוחות און א שטארקע התבוננות און מחשבה, ווייל ווי מיר טוען כסדר שמועסן אז מיר לעבן אין א וועלט וואס שרייט אויס ממש דאס פארקערטע, אין אונזער היינטיגע מצב העולם זענעןליידער פארהאן גאר ווייניג 'מחיצות' און זאכן וואס זענען מבדיל איין זאך פון די אנדערע. ביי גאר אסאך מענטשן איז אלעס די זעלבע, און ס'איז כמעט נישט דא קיין חילוק, נישט אין צייט, נישט אין פלאץ, נישט אין שטוב, נישט אין בית המדרש, נאר אלעס איז די זעלבע, איבעראל פירן זיי זיך די זעלבע, דער שטוב ווערט א אפיס און דער אפיס ווערט די שטוב, אין בית מדרש ווערט א פאלץ פון פארברענגן ח"ו, און אזוי דאס פארקערטע, די וועלט האט גענצליך אוועקגענומען די פשוטע דרך ארץ פון פארשטיין אז ס'איז פארהאן א שטוב און ס'איז פארהאן א אפיס, און די צוויי האבן נישט קיין שייכות, און מ'קען נישט זיין קיין טאטע אינדערהיים אויב מ'ברענגט אריין די ארבעט טאג און נאכט צווישן די ווענט פון די משפחה. און נאך אסאך מער איז פארשטייט זיך אין רוחניות, ס'איז פארהאן א גאס וואס איז געאייגענט פאר דברי חול, און ס'איז פארהאן להבדיל א מקום קדוש וואו מען דארף אהינקומען מיט א הייליגע מטרה, און דארט רעדט מען נישט און מ'שמועסט נישט די זעלבע 'וויכטיגע' נייעס ווי אינדרויסן.

און דער יסוד איז נוֹגֵעַ צו כמעט אלעס אין לעבן, ווען מיר זאלן מאכן די ריכטיגע הבחנה, און ווען א מענטש האט די כוחות צו מאכן 'מחיצות' און אפטיילן זאכן איינס פון די אנדערע, אוי ווי גוט וואלט געווען. דאס הייסט, ווען מיר זאלן ריכטיג צוטיילן דאס איז מיינס און דאס איז דיינס, ווען די גבולים/גרעניצן זאלן זיין קלאר, אז דאס טו איך יא און דאס נישט, דאס בין איך יא און דאס נישט, וואלט דאָך רוב פון אונזער לעבן געווען אזוי רואיג און זיס. רוב מלחמות אין די וועלט, רוב צער און עגמות נפש פאנגט זיך אָן ווען געוויסע גבולים ווערן געבראכן, ווען א מענטש טראכט נישט און באמערקט נישט, און ער רוקט אריין זיין גרעניץ ביי יענעם, ער שטופט אריין די נאָז וואו ער באלאנגט נישט, אדער ער הייבט אָן צו טון זאכן וואס זענען נישט לויט זיין מצב אדער פלאץ, וואס מ'קען האבן אויף דעם גאר אסאך משלים סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, ווי א מענטש מוז אלעמאל מעסטן און ארויסהאבן קלאר וואס זענען מיינע גדרים, וויפיל איז גוט אז איך טו יא, און וויפיל איז אסאך בעסער אויב איך טו נישט.

לעצטענס האב איך זוכה געווען צו כאפן א שמועס מיט א חבר, א אינגערמאן וואס האט גענומען אויף זיך דער קבלה פון גענצליך אפהאקן שייכות מיט די וועלט פון נייעס, איך האב אים געפרעגט וואס האט דיר געברענגט דערצו, האט ער דערציילט ווי פאלגענד: מיט עטליכע וואכן צוריק בין איך געווען אויף א וויכטיגע קאנפערענץ, און דארט איז געווען א איד וואס איז גאר א קלוגע און פארשטענדליכע פארצווייגטע ביזנעס מאן, און צווישן די שורות פונעם שמועס איז אריינגעקומען עפעס א באקאנטע וועלטליכע טעראר אטאקע און ער האט בכלל נישט געוואוסט דערפון, צו מיין וואונדער האב איך אים געפרעגט וואס איז פשט דערפון, וואס הייסט איר ווייסט נישט? און דער איד האט געזאגט "אזוי איר הערט איך ווייס נישט! איך ווייס פשוט נישט!"

דער איד האט מיך נישט געלזאט זיך וואונדערן פאר צו לאנג, און האט זיך מסביר געווען: ס'איז שוין באלד צען יאר וואס איך הער נישט און לייך נישט קיין שום נייעס בכלל, יא אזוי ווי איר הערט, איך הער נישט קיין נייעס און ליין נישט קיין נייעס, בשעת מעשה פונעם טעראר אטאקע האב איך מן הסתם געהערט שמועסן דערפון דא אדער דארט, אבער וויבאלד איך ליין נישט, איך הער נישט, און קוק נישט, טוט עס נישט אריינגיין טיף, איך 'טו נישט אדורך' די נושאים אין די לענג און די ברייט, און דערפאר פארנעמט עס נישט קיין פלאץ אין מיין מוח... און אזוי האבן די צוויי געשמועסט, ווען פלוצלינג זאגט ער פאר מיין חבר אפשר נעמסטו אויף דיר אט דעם קבלה וועסט זעהן אז ס'איז אויסטערליש געשמאק.

און מיין חבר זאגט: **וועסט נישט גלייבן וואס עס האט געטוען צו מיין לעבן, איך שפיר ממש ווי א נייע מענטש, מיין מוח שפירט אזוי קלאר און פריש, ווייל די וועלט אין וואס מיר לעבן הערט אונז נישט אויף צו באגיסן מיט מיינונגען און שיטות, פאליטיק און אגענדעס, פחד און שרעק, וואס צומישט און צורייסט דעם מענטש ביז ער קען שוין נישט מבחין זיין אז דאס איז פאר מיר און דאס נישט, דאס וויל איך הערן און דאס נישט, ווייל אטעמאטיש ווערט אלעס איין גרויסע צומישעניש, און מ'ווערט ווי פון זיך אליין פארשווועמט אינעם גרויסן מבול וואס שטורעמט בכסדר.**

אט דאס טרעפן מיר סוף פרשת קדושים, די תורה הק' זאגט **וִהְיִיתֶם לִי קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי**, ווי מער מיר זענען זיך מבדיל פון די גויים, פון די וועלט, און פון די גאס, אט אזוי פיל זענען מיר מער הייליג! ווייל קדושה מיט הבדלה גייען צוזאמען.

עס איז באקאנט וואס דער רמב"ן ערקלערט אנהייב פרשת קדושים, אז קדושים תהיו איז א כלליות'דיגע מצוה אז א מענטש דארף זיך פירן הייליג, ס'איז דא זאכן וואס די תורה זאגט טאקע נישט בפירוש אז ס'איז אסור, מ'קען טרעפן וועגן וויאזוי זיך מתיר צו זיין געוויסע זאכן, דאָך זאגט אונז די תורה, זיי הייליג, ס'איז דא זאכן וואס פאַסט נישט פאר איד צו טוען אפילו מ'מעג אפשר, און ווי דער רמב"ן רופט עס אָן אז מ'טאָר נישט זיין קיין "נבל ברשות התורה", ער פירט זיך אויף נישט ווי עס דארף צו זיין, אבער אלעס איז מיט רשות, ווייל ס'שטייט נישט קלאר אז נישט. דאס איז די היפוך פון קדושה, ווייל ווען מ'איז קדוש פארשטייט מען אלס מער מבדיל צו זיין און זיך אפטיילן און האלטן ווייט פון פלעצער וואו מ'בלאנגט נישט.

און אז מיר דעהערן דעם יסוד, קען מען מרמז זיין אט דעם ענין אין די ערשטע צוויי מצוות וואס שטייען גלייך נאך קדושים תהיו, און דאס זענען די מצוות פון **אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם**, וואס ווי דערמאנט, איז אביסל שווער צו פארשטיין צו דען זענען דאס די מצוות וואס מאכט א מענטש פאר א קדוש?

אבער דער תירוץ איז יא! די תורה רעדט דווקא פון 'מורא אב ואם' אז פון א טאטע און מאמע דארף מען **מורא** האבן, מ'רעדט נישט דא פון כיבוד אב ואם וואס צומאל דאכט זיך פאר א מענטש אז מכבד זיין מיין טאטע מאמע איז א ענין וואס איך טו פשוט ווייל איך בין גוט מיט זיי, איך בין היימיש און באקוועם מיט זיי און איך ברענגט ארויס מיינע געפילן פון ליבשאפט און כבוד צו זיי, און אדרבה ער פילט נאך כאילו ער איז אין די זעלבע דַרגה ווי זיי, ער מיט זיין טאטע מאמע זענען ווי נאנטע פריינט. לערנט אונז די תורה הקדושה אז ניין, דאס טויג נישט, נאר "איש ואמו אביו תיראו", מען דארף האבן א מורא און א דרך ארץ, ווייל צווישן מיר און מיינע עלטערן דארף זיין א מחיצה און א הבדלה, אז דו וועסט ארייננקלערן און מאכן די ריכטיגע הבחנה, וועסטו האלטן דיינע עלטערן אויף א ספעציעלע און חשוב'ע ארט, וואס דאס איז דאָך די אלף-בית פון ווערן א קדוש ווי געזאגט, טראכט אריין און הייב אָן צו אנערקענען אז יעדע זאך האט זיך זיין ספעציעלע פלאץ און חשיבות, און מאך נישט פון אלעס איין גרויסע זאך.

און גענוי די זעלבע איז מיט שבת קודש, די תורה רעדט נישט דא פון מצות עונג שבת אדער כבוד שבת, יא אמת ס'איז פארהאן א ענין פון מכבד זיין דעם שבת און זיך לאזן וואוילגיין לכבוד שבת קודש, אבער צו זוכה זיין צו אמת'דיג האלטן דעם שבת טייער און חשוב, פארלאנגט זיך צו געדענקן און 'אפהיטן' דעם הייליגן שבת, **וְאֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ** דו זאלסט האלטן שבת אויף א ספעציעלע טייערע פלאץ און עס אפהיטן מיט אלע דינים און הלכות, מיט א זהירות און א יראה, און דאס ברענגט ארויס די שענסטע און גרעסטע קדושת שבת. געדענק אז מיין שבת איז נישט בלויז א 'געשמאקע' טאג וואס קומט מיט כבוד און עונג, ס'האט נאך אסאך מער צו זיך, עס איז הייליג און פארמאגט טיפקייט וואס מיר קענען בכלל נישט משיג זיין.

קומט אויס, אז נישט בחינם האט אונז די תורה אהערגעשטעלט אט די צוויי דוגמאות וואס קומען אונז לערנען דעם גרויסן יסוד, אז צו זיין א קדוש דארף מען האבן דעם ריכטיגן פארשטאנד און אפשאצן און אפהיטן יעדע מצוה, און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך סתם געפילן. און דאס איז נוגע אינעם טאג טעגליכן לעבן און ביי יעדע מצוה און זאך וואס מיר טוען, שטעל דיך אפ און טראכט, זיי זיך מתבונן און אנערקען וואס דו טוסט און וויאזוי עס דארף באמת געטון ווערן, און אויב עס גייט מאכן א נחת רוח פאר השי"ת. און ווי מיר האבן געברענגט פונעם רמב"ן, קדושים תהיו באדייט אז א איד דארף אוועק שטעלן גדרים און סייגים, קדש עצמך במותר לך, איך טראכט איידער איך טו, און איך גיי וויסן און ארויסהאבן מיט א קלארקייט דאס איז ביי מיר א יא, און דאס איז ביי מיר א ניין.

וויפיל מאל שטייט א מענטש ביים 'גרעניץ' פונקט, ער איז אויף א פלאץ וואו ער וואַקלט זיך כסדר, אמאל פאלט ער אדורך און אמאל נישט, ער קען אליין נישט באשליסן צו דאס וואס ער טוט איז ריכטיג אדער נישט, און אפילו ווען ער טראכט שוין אז אפשר נישט, דאך פאלט ער אדורך און ער איז נישט גענוג שטארק צו פּועל'ן ביי זיך דעם ניין! ער האט נישט קיין פעסטע מחיצות ארום זיך, און ער ווערט שנעל נאכגעשלעפט נאכן שטראם, אז מען פארט שוין סייווי פארט ער שוין איבעראל, אז מ'עסט שוין זאל שוין זיין געגעסן אויך דא און דארט. אז מ'איז זיך נישט מתבונן און מ'ווייסט נישט פונקטליך וואו מ'באלאנגט און וואס מ'האט צו טוען, פעלט אין די גאנצע יסוד פונעם בנין, און עס פעלט אין 'קדושים תהיו'. און די זעלבע פארקערט, אז א איד לעבט מיט מחשבה און חשבון, ער ווייסט אפצושאצן און אויסרעכענען איעדע זאך וואס דאס איז, ווי וויכטיג איז עס יא צו טוען אדער נישט צו טוען, ער ווייסט וואס ער וויל בכלל, און צו וואס איז זיין שטרעבן און ציל, אזא איד לעבט א לעבן פון קדושה און קדושים תהיו.

און אט דאס איז פרשת קדושים, דא ווערן מיר געוואר א גרויסע נייע געדאנק אין קדושה, טאקע קומענדיג פון פרשת אחרי וואס דארט האבן מיר געשמועסט פון גאר גרויסע און הויכע מדריגות אין עבודת ה', דארט רעדט מען פון 'קדושה' אויף זייער א הייליגע פארנעם וואס ס'איז נישט דא דאס גלייכן. ווי חז"ל זאגן אונז אין מסכת יומא אז דער כהן איז זיך פורש פאר גאנצע זיבן טעג איידער ער גייט טוען די עבודת יום הכיפורים, מ'דארף אים אפשיידן און אפזונדערן פון יעדע

חשש טומאה, און דערנאך אין יום כיפור אליין טוט ער זיך כסדר מקדש און מטהר זיין, און נאך די אלע גרויסע און הייליגע הכנות איז ער זוכה אריינצוגיין תו די תכלית פון קדושה אינעם קודש הקדשים. קען דאָך דער אידעלע שפירן אז דארט אינעם הייליגסטן צייט אין יאר, די הייליגסטע פלאץ אין די וועלט, און דער הייליגסטע מענטש דער כהן גדול, אפשר ווען די אלע דריי קומען זיך צוזאם אט דעמאלטס איז מען טאקע זוכה צו קדושה, אבער 'איך' פשוטע מענטשלע? וואס האט קדושה מיט מיר? דערפאר קומט דער פסוק און זאגט אונז גלייך נאכדעם אין פרשת קדושים, טייערע אידעלע טאקע דיר מיינט מען, קדושה איז באמת גאר א גרויסע זאך, אבער צו ווערן א קדוש פאנגט זיך עס אָן מיט די פשוטע הבחנה פון אפטיילן און פארשטיין וואס איז וואס, פון פארשטיין אז היינט איז שבת און מארגן איז חול, דאס איז מיין טאטע און איך בין זיין קינד, יא האבן דעם קלארקייט ווער און וואס מיר זענען און וואס איז אונזערע ארעבט איז. און דערנאך קומט לא תגנוב, וואס בפשטת וואונדערט דאס הארץ ווי קומט עס דא, אבער לויט ווי מיר שמועסן איז געוואלדיג, די תוה"ק זאגט אונז אט די זעלבע, אלעס קומט פון די זעלבע יסוד, ווייס מיט א זיכערקייט דאס איז מיין אין דאס איז יענעם'ס, ס'איז פארהאן עפעס וואס געהערט צו מיר און ס'איז פארהאן עפעס וואס געהערט צו יענעם, און ניין ס'איז נישט די זעלבע זאך, ס'איז פארהאן א געוויסע אפגעהיטנקייט וואס א איד פארמאגט ווייל ס'איז א ציווי השי"ת אז מ'דארף זיין אפגעהיטן ווען ס'קומט צו יענעמ'ס געלט און מ'טאר דאס נישט נעמען לייכט, פונקט ווי יעדע אנדערע דבר שבקדושה און יעדע אנדערע מצוה, עס זענען פארהאן קלארע גבולים און דינים וואס איז מיינס און וואס נישט, און אז איך האב עס ארויס קלאר און איך בין עס מחשיב, דאן וועל איך זיך דערווייטערן פון איעדע ספק גניבה, איך וועל האבן קלארע און פעסטע גדרים און סייגים פון זאכן וואס איך ווייס אז איך קען דאס נישט טוען און איך קען דאס נישט נעמען.

און דאס איז די עבודה פון קדושים תהיו וואס השי"ת האט אונז געגעבן אויפן טאג טעגליכן לעבן, און עס געפונט זיך ביי אונז אין טאש! מיר דארפן נאר אנהייבן זיך אפצושטעלן און אריינקלערן, און דעמאלטס וועלן מיר באמערקן און איינזען אזויפיל מצוות און מעשים טובים וואס וואלגערן זיך אונטער אונזערע הענט, וואס טיילמאל פארפאסן מיר דאס, אדער מיר כאפן נישט פארשידענע גאלדענע געלעגנהייטן וואס מיר וואלטן געקענט אויסנוצן און טוען דעם רצון השי"ת און שטייגן העכער אין רוחניות (און אפילו בגשמיות) אויב וואלטן מיר נאר געהאט די דעת און די הבחנה צו טראכטן און פארשטיין און אוועקשטעלן די ריכטיגע מחיצות און מויערן דארט וואו מען דארף.

דער ענין איז גאר שטארק מרומז אין די איסור פון פיגול וואס מיר געפונען אויך צווישן די ערשטע מצוות פון פרשת קדושים ווי דערמאנט, אז דער כהן טאר נישט האבן קיין מחשבה פון עסן דעם קרבן 'חוץ לזמנו' נאך די באשטימטע צייט וואס די תורה האט קובע געווען אז נאר ביז דעמאלטס מעג מען עס עסן, און אויב דער כהן האט אזא שלעכטע מחשבה צו עסן ווען מ'מעג נישט, דאן ווערט די קרבן תיכף ומיד פיגול, און ווער ס'עסט פון די פלייש איז חייב כרת ח"ו. אדער אויב דער כהן טראכט א מחשבה אז ער וועט מקריב זיין א כזית פונעם קרבן 'חוץ למקומו' ער וועט ארויסגיין אינדרויסן פונעם בית המקדש, די מחשבה אליינס פַסל'ט שוין די גאנצע קרבן. די תורה הק' זאגט אונז אז אלעס האט א פונקטליכע גבול און מחיצה, און צומאל קען זיין די זעלבע מעשה און די זעלבע עבודה, אבער מיט א קליינע טויש, ווערט עס גאר א חיוב כרת רחמנא ליצלן! אז מ'לעבט אָן קיין התבוננות און מ'האט נישט קיין פונקטליכע גרעניץ וואו מ'שטעלט זיך אפ, קען מען אמאל עובר זיין אויף א הארבע איסור, ממש ווי די קרבן וואס קען מיט איין קליינע מחשבה פארוואנדלט ווערן פון די גרעסטע און הייליגסטע זאך, צו די ערגסטע און נידריגסטע ח"ו, דאס קומט אונז לערנען אז די חילוק קען אמאל זיין 'כחוט השערה' אזוי דין ווי א קליינע האָרעלע, און אויב דער מענטש גיבט נישט אכטונג קען ער גרינג אדורכפאלן ח"ו. און דאס איז די דירעקטע קשר און פארבינדונג צווישן די מצוה פון קדושים תהיו און די איסור פון פיגול.

דערמיט קומען מיר צום שפיץ פון אונזער פרשה, וואס מער מיר זענען זיך מבדיל פון אַן עבירה, פון שלעכטס, און פון די מבול און טומל וואס הערשט אויף די וועלט, און ווי מער דער אידעלע דערהערט אז ער איז א אידיש קינד און ער דארף זיין אפגעהיטן און זיך האלטן הייליג און טייער, אלס מער ווערט ער מקושר און נענטער מיט דאס אייגענע 'זיך' מיט זיין נקודה פנימית, און פון דארט קומט ארויס דאס אמת זיינע וואס איז א ריינע נשמה פיל מיט געטליכקייט און דערהויבנקייט, **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם**, אין אונז ליגט דער אני ה' וואס מיר געפינען כסדר אין די גאנצע פרשה ווען אין יעדע פאָר פסוקים שטייט נאכאמאל איבערגע'חַזר'ט **אֲנִי ה'**, ווייל ווען דער איד האלט זיך מובדל, ווען דער איד היט זיך אפ, טרעפן מיר די לעכטיגע נשמה אונזערע און מיר טרעפן דעם אייבישטער.

מען דערציילט אז א איד וואס איז געווען ווייט פון תורה ומצוות איז אמאל אריינגעקומען אין בית המדרש בעת רעוא דרעוין און געהערט ווי דער עולם קאכט מיט זמירת שבת און זיגט אזוי ווארים "קֵל מסתתר", מיט וואונדער האט ער געפרעגט וואס איז די טייטש פון די ווערטער? האט אים איינער מסביר געווען אז ס'מיינט דער באשעפער וואס איז באהאלטן, זיינע אויגן האבן זיך אויפגעמאכט גרעסער, ער פארשטייט נאך ווייניגער, אויב אזוי וואס קאכט איר אזוי מיט א שמחה'דיגע ברען אין דער געדאנק פון א באהאלטענע באשעפער, צו מיר הערט זיך עס ווי עפעס א צובראכענע זאך אז ג-ט איז באהאלטן ח"ו? האט דער חסיד מסביר געווען, ניין ניין, ס'איז נישט קל מסתתר אז ג-ט איז באהאלטן **פון** מיר, ער איז באהאלטן **אין** מיר! א איד ווייסט איין גלייבט אז אונזער הייליגע באשעפער איז באהאלטן אין אונז, ער ליגט אין יעדע פון אונזערע נשמות, און דערפאר זינגן מיר און מיר לעבצן אזוי שטארק מיט'ן קל מסתתר, יא אמת אז מיר זוכן אים טאקע, ס'איז אן עבודה אים צו געפונען, אבער אין די זעלבע צייט ווייסן מיר וואו צו זיכן, ער איז נאנט צו אונז און געפונט זיך אין אונז. ויה"ר אז אט זאלן מיר זוכה זיין אויף דאס וואס מיר ווארטן שוין אזוי לאנג בביאת מלך המשיח בב"א.

לסיכום געדענק:

- קדושה ליגט ביים איד אין טאש, מיט קליינע מעשים בכל יום, טאג טעגליכע געשעענישן און זאכן קען א איד זוכה זיין.
- די ארבעט פון א קדוש איז אוועק צו שטעלן גרענציגן באגלייט מיט גדרים וסייגים, ער איז קלאר אז דאס יא און דאס נישט.
- אני ה', א איד ווייסט איין גלייבט אז אונזער הייליגע באשעפער איז באהאלטן אין אונז, אין אונז ליגט א ריינע הערליכע נשמה!

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com